N.Y. $5.00 - ש"ח 25.00 א"י - U.K. £4.50 - Belgium € 6.50 - VOL. 4 NO. 14 (113) • Apr. 30, '09 • י"א ניסן • אח"ק • ...ד

# צייטשריפט



## שטורעם אין חרדישער וועלט:
# "אניסאקיס" ווערעם אין פיש

גדולי הפוסקים גיבן ארויס פרישן פסק-הלכה איבער פארשידענע פיש; צווישן זיי, קאנסערווירטע "**ווײלד סעלמאן**" און פארשידענע סארטן "**פלאנדער**", צוליב "אניסאקיס" ווערעם וואס געפינען זיך אין זייער פלייש. — ווי אזוי די שאלה איז אויפגעדעקט געווארן. — **בעל מכשיר וועלכער האט אויפגעברענגט און געפארשט דער "אניסאקיס" פראבלעם אין א שמועס מיט "צייטשריפט**



## ליכט אין א טונקעלער וועלט



הרב רווח און הרב קארפ ביי הגאון רבי חיים קאניעווסקי שליט"א

# די שערויה איבער דעם "אניסאקיס" ווארים

## גדולי הפוסקים זענען ארויסגעקומען מיט א שארפן קול קורא בנוגע "ווילד-סעלמאן קענס" און פארשידענע "פלאנדער פיש" וועלכע זענען פארפעסטיגט מיט "אניסאקיס" ווערים. באקענט אייך מיט די גאנצע השתלשלות הדברים, דער מציאות פון די פיש, די הלכה'דיגע חלק און אלעס איבער דער נושא

**הרב ש. קרויס**



מיר ווילן דא באדאנקען הרב ש. קרויס שליט"א, מומחה ובקי נפלא בעניני כשרות, וועלכער האט אונז צוגעשטעלט ווערטפולע אינפארמאציע, און אויך פאר אלע רבנים ומכשירים שליט"א וועלכע האבן צוגעגעבן צום גאנצקייט פון דעם ארטיקל











מיט די אלע כשרות פראבלעמען וואס קומען אויף אין די לעצטערע יארן, אין גרויסן טייל צוליב די טעכנאלאגישע וועלט וואס ווערט אלץ מער פארגעשריטן, איז אבער געווען אנגענומען מיט א פשטות אז די פיש מארק איז מער-ווייניגער אויסגעשלאסן פון די חששות. פיש איז דאך א גלאטיג כשר'ע זאך. אויב עס האט די סימני כשרות, און עס איז רוי, וואס קען שוין זיין?

די וועלט גאלאפירט אבער מיט א שנעלקייט, און אין די לעצטערע צייטן איז א כשר שטיקל פיש אויך שוין געווארן א גאנצע היכי תמצא. אויף "טונא פיש" האט מען געהאט חששות אז זיי ווייקן זיך אין פעסער אינאיינעם מיט נישט-כשר'ע פיש, וואס דאס אסר'ט די פיש אלס כבוש. אויף די "סארדינס פישלעך" האט מען געהערט אז עס מישן זיך אויך אריין נישט-כשר'ע קליינע פישלעך. אויף די "סעלמאן פיש" האט זיך געהאט אנטוויקלט א חשש אז די שיינע העל-רויטליכע קאליר איז מעגליך נישט בלויז נאטירליך, נאר איז געפארבט מיט מי יודע וואספארא פארב מיטלען. די אלע ענינים זענען שוין באהאנדלט געווארן, און די דורכדרינגליכע אונטערזוכונגען און בירורים פון די חשוב'ע משגיחים און בעלי מכשירים מאכן קלאר די מציאות און הלכה איבער זיי.

א נייע ערנסטע חשש איז אבער גאר לעצטנס אויפגעקומען אויף פיש. נעמליך מען קען נכשל ווערן מיט איסור תולעים, עס געפינען זיך ווערים אין עטליכע סארטן פיש, וואס, ווי מיר וועלן זען, איז די פראבלעם לכאורה אמאל נישט געווען. נאר צו ערשט א קורצע הקדמה איבער דעם עצם ענין פון ווערים אין פיש.

עס זענען פאראן דריי אופנים פון ווערים אין פיש. 1) עס קען זיין ווערים אין די קושקעס, אדער אין אנדערע אינערליכע גלידער פונעם פיש, (ווי מען טרעפט, לדוגמא, אין די מישיגען "ווייט פיש", וואס דעריבער טוט מען גוט אויספיצן די פיש בשעת'ן ארויסנעמען פון זיי די קושקעס). 2) אויך קען זיך טרעפן ווערים אינדרויסן פונעם פיש, ווי אין קאפ, די שיפן אדער פלוס-פעדערן, (אזוי ווי עס איז דער פאל פון ים-לייז וואס מען טרעפט אין די "אטלאנטיק סעלמאן" פיש [זע בילד], אבער אויף למעשה איז דאס אויך נישט קיין פראבלעם ווייל מען טוט זיי גוט אפשווענקען און אלעס קומט אראפ. אויסער אין קאפ וואו זיי קענען יא בלייבן, און דעריבער דארף מען וויסן וויאזוי צו אונטערזוכן דעם קאפ. עס איז וויכטיג אנצומערקן אז די "עדה החרדית" האט פאראדנעט פיש געשעפטן אונטער זייער השגחה אז די קעפ פון די "אטלאנטיק סעלמאן" פיש מוז דער משגיח גוט איבערקוקן, ווייל עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס בלויזע וואשן העלפט נישט.) 3) די דריטע אופן איז, ווערים אין די פלייש פון די פיש. יעצט, לגבי די ערשטע צוויי אופנים, ד.ה. אין די אינערליכע גלידער אדער אינדרויסן פונעם פיש, איז די הלכה קלאר אין שו"ע אז עס איז אסור. אבער אין דריטן פאל, אויב די ווערים איז אין די פלייש פונעם פיש, איז מותר.

די לעצטיגע, נייע חששות איז פון די דריטע קאטעגאריע, נעמליך ווערים אין די פלייש פון די פיש. די טויש פון דער היינטיגער נאטור איז גורם א שטארקע פארפעסטיגונג פון ווערים אין די גרויסע ימים און דאס ברענגט צו אז אסאך פיש אין ים זאלן זיין אנשטעקיג מיט די ווערים. אמת, ווער עס קען אביסל הלכות תולעים, וואונדערט זיך אז ווערים אין די פלייש פון פיש איז דאך נישט קיין פראבלעם? ריכטיג. ביים איצטיגן פאל איז אבער דא א נייע מציאות וואס טוישט די הלכה פון די ווערים – און עס איז טאקע לכאורה איצט דאס ערשטע מאל אין אידישע היסטאריע וואס רוב גדולי הפוסקים ווילן אסר'ן א שטיקל פיש אלס די פראבלעם פון ווערים אין זייער פלייש, ווי לאנג עס גייט נישט דורך א בדיקה.

כדי צו בעסער אריינברענגען דעם לייענער אינעם מציאות פון די סארט פיש און צו קענען פארשטיין גרינטליך דעם ענין, ווילן מיר ערשט שרייבן אביסל איבער די מהלך החיים פון די סעלמאן פיש און וויאזוי מען טוט זיי האדעוווען היינט צו טאג, און דאן צוריקקומען צו דער ניי-געשאפענער פראבלעם.

## די סעלמאן פיש אין נאטור

די סעלמאן פיש איז נישט קיין מין פאר זיך, נאר איז א טייל פון א פארצווייגטע פאמיליע, "משפחת פיש", וועלכע ציילט בערך צוויי הונדערט מיטגלידער. צווישן אנדערע פארמאגט זי די בארימטע "ווייט פיש" וועלכע איז זייער פאפולער אין אמעריקע, וואס טראגט איר קלאר ווייסע קאליר – וואס שענקט איר די נאמען "ווייט", איז זי א פיש פון די זעלבע מין ווי דעם "סעלמאן פיש".

די מערהייט פון די סעלמאן פיש לעבן נאטירליך אין קאלטע וואסערן. זיי ווערן געבוירן און האדעווען זיך אין זיסע וואסערן (טייכן און קוואלן), דאן גייען זיי אריבער צו זאלציגע וואסערן (די גרויסע ימים), און דאן קערן זיי זיך צוריק צו לייגן אייער דארט וואו זיי זענען געבוירן, אין די זיסע וואסערן.



נאך דעם ערשטן חודש וואס די פיש ווערן געבוירן, זענען זיי שוין מיט אלעם ווי געהעריגע פיש, אבער זיי קענען זיך דעמאלט אויפהאלטן נאר אין זיסע וואסער, און זייער הויט איז דאן א ליכטיגע קאליר. נאך אפאר יאר ווערט זייער אויסערליכער קאליר טונקל-זילבער און זיי שווימען מיט'ן שטראם פונעם טייך, ביז זיי טרעפן דאס פלאץ וואו די זיסע טייכן מישן זיך אויס מיט די גרעסערע זאלציגע ימים. דארטן ווי די וואסער איז געמישט פון זיסע און זאלציגע וואסער האלטן זיי זיך אויף, ביז זיי ווערן צוגעוואוינט צו די זאלציגע וואסער, דאן גייען זיי אריבער צום ים, וואו זיי האלטן זיך אויף אין די טיפענישן.

די נקבה סעלמאן לייגט אייער בלויז איינמאל אין לעבן. צו דעם צוועק פארט דער פיש צוריק אהיים צום טייך, צו די זיסע וואסער, און לייגט דארטן די אייער – בערך פינף טויזנט מיט איין מאל! דאס זיך אומקערן אהיים צום טייך וואו זיי זענען געבוירן איז פון די גאר וואונדערליכע נפלאות הבורא. א פיש קען שווימען הונדערטער מייל קעגן די וואסער שטראם, טיילמאל טוען זיי איבערשפרינגען ריזיגע בערג, צענדליגער מעטער הויך, מיטשווימענדיג מיט מעכטיגע וואסער-פאלן, ביז זיי קומען ענדליך אן אהיים צו זייער היים-טייך, ממש דארט וואו זיי זענען געבוירן, און דארט לייגן זיי די אייער, דאס אלעס טוט זי ווייסנדיג אז די ניי געבוירענע פישלעך



קענען נישט לעבן אין די זאלציגע וואסער. דאן זוכן זיי צוריק צו שווימען צום גרויסן ים, אבער געווענליך זענען זיי שוין ביי דעם שטאפל אלט און שוואך און זיי בלייבן שוין דארטן ביז זיי שטארבן.

דאס איז דער סדר פון רוב סעלמאן פיש, עס זענען אבער אויך דא אזעלכע וואס בלייבן אייביג אויף איין פלאץ, אדער אין טייכן וואס זענען נישט מחובר צו קיין ים, אבער זיי זענען א מיעוט.

## אונזערע סעלמאן פיש

ווי דערמאנט זענען פארהאן ארום צוויי הונדערט סארט סעלמאן, אבער רוב פון זיי קומען נישט אן אויף אונזער טעלער. נאר דריי סארטן פיש ווערן געגעסן דורך די מענטשהייט. די סעלמאן פיש וואס מיר קענען, זענען מערסטנס די וואס לעבן נישט אינעם פרייען ים, נאר זיי ווערן ספעציעל געהאדעוועט און קאנטראלירט דורך פירמעס וואס געבן זיך אפ מיט די פיש, וואס זיי זענען ארום 90 פראצענט פון סעלמאן פיש וואס ווערט פארקויפט איבער דער וועלט.

די פיש וואס ווערט די מערסטע פארקויפט, ווערט גערופן "אטלאנטיק סעלמאן", צוליב וואס זיי געפינען זיך אין צפון זייט פונעם אטלאנטישן אקעאן, נעבן נארוועגיע, אייראפע. די פיש ווערט גערופן "נארוועגישע סעלמאן", אפילו אויב עס קומט אמאל פון אנדערע מקומות, ווי טשילי אדער דרום אפריקע.

די צווייטע סארט איז אונזער באקאנטע "בעיבי סעלמאן" פיש ("רעינבאו טראוט"), וועלכע שטאמט פון די געגנט פון קאמטשאטקע, אין צפון מזרח רוסלאנד. אויך איז באקאנט די "קאהא סעלמאן", וואס קומט פון די וואסערן פון פאציפישן אקעאן, פון גרויסע שטחים פון אלאסקע ביז יאפאן.

## די קאליר פון די פיש

דער סעלמאן פיש ווערט נאטירליך געבוירן אלס א ווייסער פיש, נאר ער באקומט די שיינע ראזעווע-אראנדזשע קאליר אלס א רעזולטאט פון זיין נערונג, וואס צווישן אנדערע עסט ער אזעלכע קליינע פישלעך ("קרעבס"), וואס זיי האבן אין זיך אזא סארט באשטאנדטייל וואס ווען דאס קומט זיך צוזאם אינעווייניג מיט'ן סעלמאן פיש, איז דאס גורם אז א רויטע פארב זאל זיך אנטוויקלען אין די פלייש פונעם סעלמאן פיש. און אזוי באקומט ער דעם שיינעם אראנדזשן קאליר.

אין די ערשטע יאר ווען די סעלמאן פיש געפינען זיך נאך אין די טייכן, עסן זיי אויך, צווישן אנדערן, פארשידענע אנדערע סארט שרצים, וועלכע האבן אויך אין זיך די באשטאנדטייל וואס ברענגט זיי די רויטע קאליר, (אבער וויבאלד זיי עסן אויך אסאך אנדערע זאכן, האט עס נישט די שאלה אלס א בעל חי וואס שפייזט זיך 'בלויז' פון דברים אסורים).

## ים פארמס, צו האדעווען די פיש

אלס רעזולטאט פון די גרויסע צאל פיש וואס ווערן געפאנגען אין די אפענע וואסערן, איז היינט פארהאן א מאנגל אין סעלמאן פיש אויף דער וועלט. אויך אין די סעלמאן-רייכע

**אין די ים-פארמס ווערן די פיש געהאדעוועט אין אזעלכע כמו-צימערלעך אין וואסער. ביז טיף אראפ אין וואסער איז אויסגעבויעט פון שטריק אזוינע גרויסע שטחים פאר די פיש, מיט א געוואלדיגן סיסטעם אז זיי זאלן זיך שפירן פריי און האבן אלע אומשטענדן ווי אין די פרייהייט. אבער זיי זענען פאקטיש אונטער א גאר גוטן אויפזיכט**



מען האט אראפגעברענגט די פיש מיט די כלים צו איבערוויזן קלאר די מציאות



אין שטוב פון הרה"ג רבי משה שטערנבוך שליט"א, ראב"ד בי"ד "העדה החרדית", וואו מען האט דורכגעארבעט פארשידענע סארטן פיש, און דער רב האט געגוויגט לאיסור



א סאפיסטיקירטע סיסטעם האלט אן אויג אויף די געהאדעוועטע פיש



א גרויסע נעץ צו האלטן די פיש



גרויסע נעצן שווימען אין וואסער אין א קאנאדישן וואסער וואו סעלמאן פיש ווערן געהאדעוועט



מאדעל פון א פיש-פארם

וואסערן ארום נארוועגיע זעט זיך אן א רעדוקציע אין די מאס פיש וואס שווימען ארום. דעריבער האבן אסאך פיש פירמעס אנגעהויבן האדעווען פיש אין אזוינע ספעציעלע פארמס וואס זיי האבן אויפגעשטעלט אינעם ים, ווי די פיש האלטן זיך אויף אין ריזיגע נעצן, און באקומען זייער נערונג פון די מענטשן וואס פירן אן מיט די פארמס.

היות אבער אז די סעלמאן פיש דארפן האבן צום לעבן די פארשידענע וואסער סארטן, זיסע, זאלציגע און געמישטע, געוואנדן לויט זייערע אומשטענדן ווי פריער געשריבן, שטעלט מען אזוי אויך אויס אין די פארמס אז די פיש זאלן דאס האבן, דורך צושטעלן עקסטערע ריזיגע וואנעס פון זיסע און זאלציגע וואסער, אויסער די ים-וואסער וואו זיי געפינען זיך.

אין די ים-פארמס ווערן די פיש געהאדעוועט אין אזעלכע כמו-צימערלעך אין וואסער. ביז טיף אראפ אין וואסער איז אויסגעבויעט פון שטריק אזוינע גרויסע שטחים פאר די פיש, מיט א געוואלדיגן סיסטעם אז זיי זאלן זיך שפירן פריי און האבן אלע אומשטענדן ווי אין די פרייהייט. אבער זיי זענען פאקטיש אונטער א גאר גוטן אויפזיכט, ווי מען נעמט קעיר פון די עסן, זיי קענען נישט ווערן דארט אנגעשטעקט, די וואסער ווערט דורכגעקוקט און דאס האט א גאר גוטן אפעקט אויף די פיש.

די פיש דאקטוירים און דיעטע מבינים האבן אינזין נישט בלויז די עסן, נאר אויך וויפיל שעה די פיש זאלן זיין אויסגעשטעלט צו ליכטיגקייט, וואס די ליכטיגקייט האט א השפעה אויף די אנטוויקלונג פון פיש, און אויך וויפיל אקסיגען זאל ווערן אריינגעפאמפט פאר זיי אין וואסער. אלעס ווערט קאנטראלירט פון דרויסן.

די ים פארמס זענען זייער גרויס און מאכטפול, א דורכשניטליכע פארם פארמאגט בערך צען אינסטאלאציעס. און יעדע איינע פארמאגט פון פופצן ביז פערציג אפטיילונגען, וואס יעדע איינס איז די גרויס פון בערך 60 ביי 60 פיס, און טיף ארום 50 פיס אין ים. אין די נעץ שווימען די פיש ארום און האבן הנאה פון די פרייהייט און אויפמערקזאמקייט וואס זיי האבן.



די כשרות סיסטעם וואס הרב רווח האט אויפגעשטעלט א
רייניגט אויס די פיש פון די ווערים

## טשילע – די סעלמאן פיש אימפעריע

דער דרום אמעריקאנער לאנד טשילע איז דער גרעסטער עקספארטירער פון סעלמאן פיש איבער דער וועלט. זיי טוען עקספארטירן בערך זעקס-הונדערט-טויזנט טאן סעלמאן פיש א יאר. און זיי האבן ווייט איבערגעיאגט נארוועגיע, וועלכע איז יארן לאנג געווען אן אומקאנקורירבארע גרויסמאכט פון די סעלמאן פיש.

עס איז אינטערעסאנט אז טראץ וואס טשילע האט ריזיגע ים ברעגעס אין זייער שטח, און כמעט די גאנצע מערב'דיגע ברעגע פון יענער זייט אמעריקע גרעניצט זיך מיט טשילע, וואס דאס באטרעפט א קיימא לן פון צען טויזנט קילאמעטער ים, און די וואסערן זענען קאלט, מיט אסאך וואסער-פאלן און טייכן, אזא וואס אין די גאנצע וועלט איז עס ממש געאייגנט פאר פיש, זענען אבער די וואסערן אין טשילע דאך נישט גוט פאר פיש. אין די נאטירליכע וואסערן זענען נישט פאראן קיין פיש, אלע דארטיגע פיש זענען אין די ספעציעלע געמאכטע פארמס וואו זיי האדעווען זיך. פיש וואס פאלן אומווילנדיג ארויס פון די נעצן, און לאזן זיך ארויס צו די ברייטע אפענע וואסערן שטארבן אויפ'ן פלאץ. עס איז נישט קלאר וואס עס אזוי שלעכט פאר'ן סעלמאן פיש אין די דארטיגע וואסערן, אבער דאס איז דער פאקט אז די גרויסע פיש אימפעריע, די מיט די ריזיגע שטחים פון וואסער,



יז אין פולן שוואונג ביי א פיש פאבריק אין כינע, וואו מען

מוזן צוקומען צו פארמס. (דער שוסטער גייט מיט צעריסענע שיך – און טשילע, די פיש מאכט, גיבט זיך נישט קיין עצה מיט אביסל פיש...)

די פיש פארמס האבן אן אויסוואל פון וואנעס, ריזיגע שטחים פון וואסערן ווי מען קאנטראלירט די טעם פון די וואסערן, און איז געאייגנט פאר יונגע פיש, פאר עלטערע פיש, צו געבוירן נייע פיש און אזוי לויט יעדן מצב ווערן זיי צוגעשטעלט לויט די געברויך פון די פיש.

די פארמס זענען זייער ווירקזאם. ווי געזאגט, לייגט א סעלמאן איינמאל אין איר גאנץ לעבן אייער, בערך פינף טויזנט אייער מיט איין מאל. געווענליך ווערן זיי אבער אלע פארניכטעט און נישט מער ווי ארום צוואנציג פון זיי, וועלן געבוירן ווערן סוקסעספול. אין די פארמס ווידער, וואו אלעס ווערט קאנטראלירט, אנטוויקלען זיך בערך צוויי טויזנט שטיק וואס ווערן געהעריגע פיש.

אין די פארמס גיבט מען אויך אכט אויף אלעמען, און די קראנקע פיש ווערן באזייטיגט, מען געט זיי עסן און אקסיגען, באלאנסירט לויט זייער געברויך, און מען נעמט פון זיי זייער גוט קעיר אזוי אז זיי זאלן קענען ארויפקומען אויף אונזער שבת-קודש טיש ברוב פאר והדר.

## די פיש גייען דורך א שטרענגע חינוך

די פארמס האבן קאמעראס און ווידיא אפאראטן אונטער די וואסער וואס האלטן אן אויג אויף די פיש אז זיי זאלן זיך אויפפירן ווי פיש... די מאשינדלעך טוען אויך איינמעלדן ווען א פיש דארף ווערן ארויסגענומען פון דארט. אונטער-וואסער שווימער גייען אראפ אין די גרויסע נעצן און נעמען ארויס די טויטע פיש און קוקן זיך אום צי אלעס קלאפט.

די קאמעראס זאגן אויך פאר די אויפזעער ווען די פישן דארפן שוין מער נישט עסן, ווען זיי זעען אז אסאך פון די עסן קומט אן צום אפגרונט איז א סימן אז די פיש זענען שוין זאט און עס איז שוין פשוט בל תשחית, הערט מען זיי אויף צו באווארפן מיט עסן פון אויבן.

טייל פארמס געפינען זיך טיף אין די וואסערן, ווייט פון יישוב, דארטן פירט זיך די פארם בעיקר נאר לויט די קאמעראס, און די קאמפיוטעריזירטע סיסטעמען געבן עסן און נעמען קעיר פון אלעמען. די אויפזעער קומען מיט שיפלעך נאר ווען די קאמעראס ווייזן אז מען דארף הילף.

## לכבוד שבת קודש

ווען די פיש איז אין איר בעסטע שטאנד, שוין אוועקגעשטעלט נאך דורות פישלעך, זעט אויס גוט און איז פיין געשוואלן מיט גוטע פלייש, קומט די צייט פאר איר תכלית, ארויפצוגייען על שולחן מלכים. מען שלעפט ארויף די נעצן און מען ברענגט די פיש צו די פראצעסירונג סיסטעם. ביי רוב פירמעס שניידט מען באלד ארויס די קושקעס פון די פיש, וועלכע פארמאגט נישט גוטע חלקים. מען צעשניידט די פיש, מען נעמט ארויס רוב ביינער (וועלכע מען פארקויפט פאר פירמעס וועלכע מאכן דערפון עסן פאר פיש) מען פרירט עס, וואקיומט עס, און מען פאקט זיי איין צו ווערן פארקויפט איבער דער וועלט.

פון דארטן איז שוין איבעריג צו שילדערן. א שיינע טעלער מיט א גוט שטיקל פיש, באגלייט מיט קאטשעניו, העפליך סערווירט אויפ'ן פראכטפולן שבת-טיש.

***

# אניסאקיס

איצט וועלן מיר צוקומען צו די חשש פון ווערים איבער וואס עס טומלט זיך לעצטנס צווישן כשרות מומחים און היכלי התורה, איבער א געוויסן סארט ווערים וואס מען טרעפט אין עטליכע סארטן פיש וואס לעבן



די אניסאקיס אינעם פלאנדער פיש



אניסאקיס ווערים אין פארשידענע אויסזען וואס זענען ארויסגעצויגן געווארן פון 'קאד' פיש



דער פיש ווערט אויפגעשניטן

**ער איז א דינער לענגליכער ווייסער ווארים, וואס זעט אויס ווי א ווייסע פאדעם. ער קען זיין בערך 2-3 אינטשעס לאנג, און זייער דין. דער אניסאקיס ווארים געפינט זיך אין די פיש וואס לעבן און האדעווען זיך פרייערהייט אין די גרויסע ימ'ען, און בפרט אין דעם ים פון אלאסקא און די דארטיגע ארומיגע געגנטער**

אינעם ווילדן ים.

דער ווארים פון וואס עס איז דא די רעדע, הייסט "אניסאקיס". ער איז א דינער לענגליכער ווייסער ווארים, וואס זעט אויס ווי א ווייסע פאדעם. ער קען זיין בערך 2-3 אינטשעס לאנג, און זייער דין. דער אניסאקיס ווארים געפינט זיך אין די פיש וואס לעבן און האדעווען זיך פרייערהייט אין די גרויסע ימ'ען, און בפרט אין דעם ים פון אלאסקא און די דארטיגע ארומיגע געגנטער. יענע וואסערן זענען זייער שמוציג און זענען פול מיט די סארט אניסאקיס ווערים. נו, מה יעשה ה'פיש ולא יחטא, טרונקט ער פון די ווערעמיגע וואסערן און אלס רעזולטאט זענען אויך די פיש פון יענע וואסערן, איבערהויפט די סעלמאן פיש וואס הייסט "ווייילד סעלמאן", זייער שטארק פארפעסטיגט מיט ווערים אין זייער פלייש און אויף אנדערע פלעצער, מיט די אניסאקיס ווערים. און עס קען זיין אז מען זאל געפינען אין איין סעלמאן פיש 20-30, אדער מער, פון די סארט ווערים. און ווי איינער האט געזאגט דערויף בבדיחותא אז עס איז ממש "ואנכי תולעת ולא פיש". מיט איין קען סעלמאן פיש קען מען זיך חלילה ארייינלאזן אין א שאלה פון אן ערך הונדערט לאווין!

דא איז וויכטיג צו אנמערקן אז דוקא ביי די פיש וואס לעבן אינעם ווילדן ים איז דא די פראבלעם, אבער ביי די אלע פיש וואס ווערן געהאדעוועט אין פארמס, וואס ווי געזאגט קומען רוב פיש וואס מיר קויפן פון יענע פלעצער, איז בכלל נישט דא די פראבלעם, זיי זענען ריין פון די אניסאקיס ווערים און האבן נישט קיין חשש.


ב"ה
בייד המיוחד לעניני כשרות
שעי"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

**הוראות הב"ד וועגן "וואייט פיש"**

עס איז אנטדעקט געווארן אז אין די "וואייט פיש פון ווינניפעג, קאנאדא", איז פארהאן ווערים אינעם פלייש פונעם פיש, וואס איז זייער שווער בודק צו זיין. [דאס איז נישט די סארט ווערים וואס קומען ארויס פון די געדערים, און געפונען זיך אויף די הויט אדער אויפ'ן פלייש פונעם פיש].

נאכדעם וואס מיר האבן געמאכט חקירות ודרישות, ובירורים אינעם מציאות, און אין די הלכה, זענען די הוראות הב"ד ווי פאלגענד:

**א. = ווינניפעג וואייט פיש - WINNIPEG WHITE FISH**

אלע סארטען, ווי: 1.) סלייסד (SLICED), 2.) פילעי (FILLET), 3.) מינסט (MINCED), = **זאל מען נישט נוצען.**

**ב. = געפילטע פיש פון ווינניפעג וואייט פיש**
**GEFILTE FISH FROM WINNIPEG WHITE FISH**

א.) דאס וואס איז שוין געמאכט געווארן ביז'ן היינטיגן טאג, מעג מען לכתחילה נוצען.
ב.) פון איצט און ווייטער, זאל מען נישט מאכן דערפון קיין געפילטע פיש.

**ג. = מישיגען וואייט פיש - MICHIGAN WHITE FISH**

האט נישט דעם סארט ווערים, דעריבער קען מען עם ווייטער נוצען, נאכ'ן בודק זיין (פון די סארט ווערים וואס קומען ארויס פון די געדערים), כפי הוראות הב"ד אינעם "מפתח הכשרות".

**ד. = לעיק יוראן וואייט פיש - LAKE HURON WHITE FISH**

האט נישט דעם סארט ווערים, דעריבער קען מען עם ווייטער נוצען, נאכ'ן בודק זיין (פון די סארט ווערים וואס קומען ארויס פון די געדערים), כפי הוראות הב"ד אינעם "מפתח הכשרות".

די הוראות זענען גילטיג ביז צו אונזער ווייטערע מודעה.

א' לס' וירא, י"ד לחודש מרחשון שנת תשנ"ז לפ"ק.

בי"ד המיוחד לעניני כשרות

קול קורא פון התאחדות הרבנים אין יאר תשנ"ז איבער דעם איסור אויף די "ווינפעק ווייט פיש"

## כבר היה לעולמים

באמת, זענען שוין געווען אייניצגע מאל אין די לעצטע 50 יאר אין אמעריקע וואס עס איז נתעורר א שאלה איבער געוויסע ווערים וואס מען טרעפט אין פלייש פון די פיש. בשעתם קען מען זאגן האבן זייער אסאך גדולי ישראל מתיר געווען די ווערים, און מיר וועלן פרובירן אביסל מסביר זיין וואס עס איז דעמאלט פארגעקומען און פארוואס די איצטיגע אניסאקיס ווארים איז אנדערש.

די שאלה איז פאריגעס מאל ארויפגעקומען אויפן רבני'שן אויבערפלאך אין יאר תשנ"ז, וואס דאן איז געווען די איבערקערעניש איבער די "ווייט פיש" פון וויניפעק, קאנאדא. עס איז דאן געפונען געווארן א געוויסע ווארים אין די פלייש פון פיש. יענער ווארים (Triaenophrus Crassus) איז ווי אין א פארמאכטע קאפסול, וואס ווען מ'קראכט אויף דעם קאפסול געפינט מען דערין אן איינגעדרייטע ווארים, וואס קען זיין אזוי גרויס ווי א פיס לאנג, אדער נאך לענגער. עס זענען דעמאלט געשריבן געווווארן זייער אסאך תשובות, ווי די פוסקים האבן דן געווען איבער די הלכה פון דעם ווארים. (אין די קובצים פון יענער תקופה קען מען טרעפן אסאך תשובות. ראה "אור ישראל" חלק ו'; "פנינת יקרת", תשנ"ז חלק ח'.)

וואס איז געווען די שאלה? ווי געזאגט זענען די ווערים וואס געפינען זיך אין די פלייש פון פיש, אדער אפילו אויב עס געפינט זיך צווישן די הויט און די פלייש, מותר צו עסן צוזאמען מיט די פיש, אזוי לאנג ווי עס איז נישט ארויסגעקומען און איז נישט געווארן אפגעטיילט פונעם פיש.

די סיבה פארוואס די דאזיגע ווערים זענען מותר, איז ווייל עס איז מבואר אין די גמרא און אין די פוסקים אז דער כלל פון שרץ איז ווי דער פסוק זאגט 'אל תשקצו את נפשותיכם בכל השרץ השורץ על הארץ'. לערנט מען ארויס דערפון, אז די תורה איז מקפיד אז עס זאל זיין דוקא א ווארים וואס קריכט אויף דער ערד. אויב איז ער אבער 'געבוירן' אויף אן אופן וואס ער האט נישט געקענט קריכן אויף דער ערד, ווי למשל אין פלייש פון פיש, וואס ער וואוינט און האדעוועט זיך אין דעם פיש וואו עס איז פארמאכט און דער ווארים איז נישט שורץ על הארץ, איז דער ווארים מותר צו עסן, ווילאנג ער איז נישט פרוש, ד. ה. ער האט זיך נישט אפגעטיילט פון דארט.

טאמער געפינט זיך אבער דער ווארים אין די קושקעס אדער אין אנדערע אינערליכע גלידער פון די פיש, וואס דעמאלט קען שוין זיין אז ער



די סעלמאן פיש ווערן צעשניטן

איז יא געבוירן אינדרויסן, נאר איז שפעטער אריינגעקומען אינעם פיש, למשל דורכ'ן מויל, דעמאלט טאר מען דעם ווארים נישט עסן מדאורייתא. שוין אפגערעדט אויב טרעפט מען אויך די ווערים אינדרויסן פונעם פיש, אויפ'ן קאפ, אין מויל, שיפן, אדער אונטער די פלוס-פעדערן, איז עס ווודאי אסור מן התורה. אזוי אויך טאמער איז א ווארים ארייגעקראכן פון דרויסן צו די פלייש פון די פיש, און איז נישט דארט געבוירן, איז עס לכולי עלמא אסור.

דער טומל איבער די ווערים אין די וויניפעק ווייט פיש האט זיך אנגעהויבן פון די חכמי המדע, די אלגעמיינע וויסנשאפטלער, וואס לויט זייערע באגריפן זעען זיי נישט אזא מציאות אז א שרץ זאל געבוירן ווערן אין פלייש פון פיש. מיט זייערע חשבונות זענען זיי נאכגעגאנגען א גאנצע מחזור, א ציקל ווי זיי רופן עס, פון אפאר חדשים, ווי זיי האבן מחליט געווען אז די ווערים ווערן באשאפן אינדרויסן פון די פיש, אין דעם גרויסן ים, און זיי קומען שפעטער אריין אין די פיש דורך א גאנצע סיסטעם, וואס עס איז נישט דא דאס פלאץ צו מאריך זיין דערין, ווייל זיי זענען בלויז וואס די וויסנשאפטלער האלטן, און עס מוז נישט אזוי זיין דער פאקטישער מציאות.

זענען אבער געווען וואס האבן גע'טענה'ט אז וויבאלד דער מציאות איז מעגליך יא ווי זיי זאגן אז אויך א געוויסן אופן קומען די ווערים אריין אין די פיש פון אינדרויסן, דארף מען יא מחמיר זיין און נישט עסן די ווערים. אזוי איז געווען דער דעת פון פוסק הדור הגאון רבי שמואל הלוי וואזנער שליט"א, בעל שבט הלוי, וואס ער האט דאן געשריבן צוויי תשובות וועגן דעם ענין צו התאחדות הרבנים (שו"ת שבט הלוי ח"ד סי' פג, וח"ז סי' קכ"ז) און הגרי"ש אלישיב שליט"א (עיין בדיקת המזון כהלכה ח"א פ"ג הי"ב). אזוי איז אויך געווען דער דעת פון הרה"ג רבי נתן הורביץ זצ"ל, רב

**טאמער געפינט זיך אבער דער ווארים אין די קושקעס אדער אין אנדערע אינערליכע גלידער פון די פיש, וואס דעמאלט קען שוין זיין אז ער איז יא געבוירן אינדרויסן, נאר איז שפעטער אריינגעקומען אינעם פיש, למשל דורכ'ן מויל, דעמאלט טאר מען דעם ווארים נישט עסן מדאורייתא**




משה שאול קליין
דומ"ץ בבד"ץ דמרן הגר"ש וואזנר שליט"א
ורב שכונת אור החיים בני ברק

RABBI MOSHE SHOUL KLEIN
Dayan in Beth Din of Hagaon Harav Wozner Shelita
and Rabbi of Or Hachayim area Bnei Brak

בס"ד, יום

**דער קלארער פסק פונעם בעל שבט הלוי וואס איז ארויסגעקומען הארט פאר פסח**

בנידון הדגים שיש בהם תולעת הנקרא בשם "אניסקיס" אשר חלקם נמצאים בבשר וחלקם בבני מעיים ואי אפשר לנקותם מתולעים הנמצאים בבשר [ווגם מתולעים מבני מעים קשה לנקות] האם יש לדונם כתולעים הנמצאים בבשר המבואר בחז"ל שהם מותרים, או יש לדונם כתולעים הבאים מבחוץ שהם אסורים , והחוקרים אומרים שבאים מבחוץ, וגם יש רגלים לדבר כי אותם תולעים הנמצאים במעיים שוודאי באים מבחוץ הם גם בבשר. ונתבקשתי מכבוד הרבנים הגאונים הרב גרוס והרב קארפ שמרן הגרי"ש אלישיב רוצה לשמוע את דעת מו"ר מרן בעל שבט הלוי שליט"א.

**תשובה:**

נכנסתי למרן הגאון בעל שבט הלוי שליט"א והצעתי את השאלה לפניו, ואמר לי שכבר דן בספרו שבט הלוי דיש לחוש למה שאומרים החוקרים שסוג תולעים מסוימים הנמצאים בבשר הם באים מבחוץ ואסורים, וכל שכן בנידון דידן שיש רגלים לדבר שהתולעים באים מבחוץ מכיוון שיש אותן תולעים בבני מעים. וע"כ יש להחמיר בזה.


די לעכער פון וואו די ווערים קומען אריין אין די פלייש פונעם סעלמאן


דאס איז דער זעלבער שטיקל סעלמאן פיש. אינעם אויבערשטן בילד קען מען גארנישט זען. אינעם אונטערשטן בילד, וואו מען האט דאס געשטעלט אונטער א בלויען (אלטרא-ווייאלעט) לעקטער, באמערקט מען עטליכע ווערים





הרב ר' אהרן גאלדמינצער שליט"א, יושב ראש וועד הכשרות אין סקווירא, הרב ר' חיים מאיר וואגשאל שליט"א, מנהל וועד הכשרות, און הרב ר' משה אליעזר בלום שליט"א, אב"ד סיקסא, זענען בודק ים-לייז אין קעפ פון סעלמאן פיש ביי א פיש-געשעפט אין מאנסי

דקהל בית ישראל מאנסי, וואס ער איז געווען דער רב המכשיר אויף די באקאנטע "עי-ענד-בי פיש" פירמע, און ער האט טאקע אזוי דארט איינגעפירט לחומרא עד היום הזה. אין תשנ"ז איז "התאחדות הרבנים" טאקע ארויסגעקומען מיט א קול קורא אז מ'זאל מחמיר זיין איבער די ווערים און נישט עסן די "ווייט פיש" (זע קול קורא). שפעטער האבן זיי געשריבן אין זייער "מפתח הכשרות", אז מען קען מתיר זיין די פיש אויף דעם אופן וואס די פיש איז "פיין גראונד", דאס הייסט אינגאנצן צעמאלן, וואס אזוי אפילו אויב עס איז יא דא פון די ווערים, ווערט עס בטל.

די סיבה פארוואס אסאך גדולי הפוסקים האבן זיך אבער נישט גערעכנט מיט די פראבלעם, איז ווייל מיר אידן קענען זיך נישט רעכענען מיט די גוי'אישע וויסנשאפטלער – אויב זאגן זיי עפּעס וואס איז קעגן די תורה. אויב חז"ל האבן געזאגט אז מען טרעפט ווערים אין בשר הדג וואס זענען דארט געבוירן, קען מען אננעמען אז די ווערים איז טאקע געבוירן אין די פיש, און מ'דארף נישט חושש זיין, אן קיין קלארע סיבה, אז עס איז נישט אזוי, אפילו אויב די וויסנשאפטלער זאגן אנדערש.

און ווי דער גרויסער מומחה בדיני תולעים הרב משה וויא שליט"א שרייבט (בקובץ אור ישראל שם) האט ער פערזענליך גערעדט מיט הגאון בעל שבט הלוי און ער האט חוזר געווען פון זיין איסור אויף יענע ווערים, ונימוקו עמו אז לפי חז"ל זענען זיי נישט קיין שרץ. אבער ווי הרב וויא שרייבט אין א בריוו האט הרב וואזנער שליט"א דאך געזאגט אז "לבו נוקפו מלהתיר", דעריבער אין זיין ספר איז ער פאררעכנט פון די אוסרים. דאס איז אבער נאר לגבי די ווארים פון די ווייט פיש, אבער לגבי די אניסאקיס ווערים

בס"ד, יום שני שנים עשר לחודש ניסן, ה' תשס"ט לפ"ג

## לבית ישראל שומרי תורה ומצוות

בדבר שדנו בו רבים בעת האחרונה, והוא בענין התולעת הנקראת "אניסאקיס" הנמצאת בבשרם של רבים מדגי הים.
הבאנו את הנושא קמיה מרן רבינו הגרי"ש אלישיב שליט"א, והובא לפניו דעת מרן הגר"ש וואזנר שליט"א שיש לחוש לחומרא לאיסורא, וכבר בירר מענינים אלו מלפנים, והשיב מרן הגרי"ש אלישיב שליט"א שכן יש לנהוג למעשה.

כתבנו הודעה זו לאפרושי מאיסורא.

להלן הדגים שאין בהם חשש: סלמון נורווגי, סול הולנדי, נסיכת הנילוס, מושט (אמנון) מסין, פילה בקלה מרלוזה מארגנטינה, טונה. הרינג וכן מטיאס מעושן ומקרל מעושן – הבשר נקי ובתנאי שזה ללא הקרום הפנימי. וכן דגי דניס מהכלובים ופורל מנהרות.
דגי הבריכה כגון קרפיון, כסיף ובורי שהם תחת השגחת ועדת כשרות מותרים.

**מרדכי גרוס**   **משה מרדכי קארפ**

דער פסק פון הרב אלישיב וואס איז פארעפנטליכט געווארן ערב פסח בנוגע די אניסאקיס ווערים אין פיש

האלט ער קלאר אז עס איז יא אסור.

## אניסאקיס שאני...

פארוואס איז די אניסאקיס אנדערש ווי די פריערדערמאנטע ווערים? ערשטנס, די אויבנדערמאנטע ווארים אינעם קאפּסול געפינט זיך נישט אין קיין שום אנדער פּלאץ, אויסער אין די פלייש פון פיש. נישט אין די קושקע, נישט אינדרויסן פון די פיש, נישט אין דעם ים, נאר אינעווייניג אין די פלייש פון פיש, וואס דערפון זעט מען קלאר אז דער ווארים ווערט דארט געבוירן און אנטוויקלט.

נישט אזוי איז אבער מיט דעם אניסאקיס, וועלכע איז א ווארים וואס טרעפט זיך אויך אויף אסאך אנדערע פלעצער. למשל, מען טרעפט אים אין ים, וואס ווי געזאגט איז דער ים פול פארפלייצט פון זיי. מ'טרעפט אים אין די קושקעס (וואו עס איז אריינגעקומען ווען דער פיש האט זיי געגעסן) און אין אנדערע אינערליכע גלידער פון די פיש, אפילו ביים סעלמאן אליינס. אויך אין אנדערע סארטן פיש, ווי אין די "מישיגען ווייט-פיש", געפינען זיי זיך אין דעם בלאזל פון די פיש, וואס מ'קען טרעפן זייער אסאך פון זיי. אויך אין די קישקעס און אין אנדערע אינערליכע איברים (מילך, רוק) פון די "הערינג פיש" געפינען זיך אסאך פון זיי. אזוי אויך אין די "האליבוט פיש" קען מען זיי טרעפן אין די בויך. דעריבער איז עס דאך אסור מדאורייתא, ווייל ער איז אויך א 'שורץ על הארץ'.

לאמיר זיך נאך אביסל אריינטון אין די סוגיא: עס זענען דא געוויסע פוסקים וואס האלטן אז ווען חז"ל האבן מתיר געווען ווערים אין די פלייש פון פיש האבן זיי גערעדט פון א געוויסע סארט ווארים אין די פלייש, ווי עס איז די לשון אין די גמ' די "דרנא" ווארים, וואס ווי ראשונים זאגן האבן חז"ל געוויס געמיינט א ספּעציפישע מין ווארים וואס טרעפט זיך נאר אין פלייש פון פיש. אבער אויב טרעפן מיר אין די פיש א ווארים וואס לעבט זיכער אויך אין אנדערע מקומות, פון וואנעט קענען מיר וויסן אז ער איז נישט געקומען פון דרויסן? איז וויבאלד אויף דעם זעלבן סעלמאן פיש טרעפט מען אויך ווערים אין פלעצער וואס איז זיכער אסור, מאכט דאס שוין אויך א ריעותא אויף די וואס מען טרעפט אינעווייניג אין די פלייש, אז מ'זאל אננעמען אז עס איז נישט דארט געבוירן נאר איז אריינגעקומען פון דרויסן. עכ"פ, וויינגסטנס האבן מיר דא א ספק צי חז"ל האבן דאס בכלל מתיר געווען, אויב אזוי איז דאך עס א ספק

דאורייתא און עס איז אסור.

א צווייטע נקודה איז דא וואס ברענגט ארויף א פארדאכט אז זיי זענען נישט געבוירן אינעם פיש. דער פאקט ווייזט, אז אין די וואסערן וואס זענען שטארק אינפעסטירט מיט די אניסאקיס, דוקא דארטן געפינען זיך מער ווערים אין די פיש. ד.ה. ווי מער דער ים איז אינפעסטירט, ווי למשל אין די אויבנדערמאנטע אלאסקא קאנאדישע וואסער, וואס איז זייער שטארק פארפעסטיגט מיט אניסאקיס, האבן די פיש וואס לעבן דארטן אסאך אסאך מער פון די ווערים, ווי ביי אנדערע וואסערן וואס זענען נישט אזוי פארפעסטיגט. איז דאך הלא דבר הוא אז דאס האט צו טון מיט די פלעצער וואו זיי וואקסן, וואס דאס מיינט אז די ווערים קומען אריין פון אינדרויסן און זענען נישט געבוירן אינעם פיש.

די דריטע ריעותא איז וואס מען זעט ביי די "ווײלד סעלמאן", און אויך ביי אנדערע פיש. ווען מען עפנט אויף די פיש און מ'צעטיילט אים אין צוויי, קען מען זען אזעלכע געמאכטע וועגן, וואס די ווערים האבן זיך געמאכט ווען זיי זענען אריינגעקראכן פון די אינערליכע איברים, דורך די בויך, אריין צו די פלייש, און דארט איז ער געבליבן וואוינען (זע בילד). אויך קען מען טרעפן מען זאל זען אז דער אניסאקיס ווארים איז האלב אריינגעקראכן אין די פלייש מיט'ן קאפ, און האלב איז ער אינדרויסן, וואס דאס ווייזט אויך אז ער קריכט פון דרויסן אויף אריין (זע בילד). זענען דאך דאס אלעס שטארקע סיבות צו טראכטן אז אפשר, לאמיר זאגן אפילו נאר מספק, זענען די ווערים אריינגעקומען פונדרויסן, – און מען דארף נישט צוקומען צו די וויסנשאפטלער צו טראכטן אז זיי קומען פון דרויסן – און אויב אזוי דארף מען חושש זיין אלס ספק דאורייתא אז דאס איז אסור.

(איבערהויפט איז א וואונדער אז עס זענען דא אסאך אידן מדקדקים וואס זענען שטארק חושש אויף די "וויניפעק ווייט פיש", וואס ביי זיי איז עס נאר געבויט לויט דעם וואס די וויסנשאפטלער זענען אויפגעקומען, ווידער ביי די אניסאקיס ווערים, וואס דער חשש אין זיי קען יעדער זען מיט די אייגענע אויגן – ווי דער לשון אין די פוסקים איז "דיש ריעותא לפנינו" – אבער דא האט מען זיך מקיל געווען, אפשר טאקע בלא יודעים.)

די פוסקים און רבנים המכשירים אין ארץ ישראל זענען דעריבער געזיצן און דן געווען בכובד ראש צי די ווארים האט טאקע אן אנדערע הלכה ווי די וואס מען האט געוואוסט ביז היינט, און האבן באשטעטיגט אז עס איז אסור מדאורייתא, אדער עכ"פ מכח ספק דאורייתא, וואס די שאלה איז בעיקר נוגע פאר די "געקענטע סעלמאן פיש" פון אלע היגע פירמעס, סיי די "פינק סעלמאן" און סיי די "בלו-בעק סעלמאן", פאר וועלכע מען באניצט זיך מיט "ווײלד סעלמאן פיש", וואס קומען פון די אלאסקא וואסערן, וואס דארטן איז שטארק דא וואס צו חושש זיין. (אגב, איז וויכטיג צו אנצייכענען אז עס איז דא צו קויפן אין די היימישע געשעפטן "ווײלד סעלמאן" וואס קומען פון אנדערע פלעצער [ניו זילאנד, בריטיש קאלאמביע, נארוועגיע], וואס יענע זענען ריין,



די אניסאקיס ווערים זענען נאך דא לעבעדיג אין די קושקעס נאך פיר טעג



אפילו נאכ'ן שטארק אפשווענקען האט מען געטראפן א ווארים אין די מויל פונעם פיש

א צווייטע נקודה איז דא וואס ברענגט ארויף א פארדאכט אז זיי זענען נישט געבוירן אינעם פיש. דער פאקט ווייזט, אז אין די וואסערן וואס זענען שטארק אינפעסטירט מיט די אניסאקיס, דוקא דארטן געפינען זיך מער ווערים אין די פיש ד.ה. ווי מער דער ים איז אינפעסטירט, ווי למשל אין די אויבנדערמאנטע אלאסקא קאנאדישע וואסער, וואס איז זייער שטארק פארפעסטיגט מיט אניסאקיס, האבן די פיש וואס לעבן דארטן אסאך אסאך מער פון די ווערים





וויאזוי מען באקוקט די פיש פאר ווערים אונטער א ספעציעלן בלויען לעקטער

לויט די עדות פון די סוחרים).

די פראבלעם פון די אניסאקיס ווערים זענען אויך דא ביי עטליכע אנדערע פיש, ווי אין געוויסע "פלאנדער פיש" ("יעלאו טעיל", "טורבאט", "דעבס [ווייבלד]", און "פאלאק"), "העיג", "קאד" און "סעיבל" (אויך אין די "סמאוקט", [וואס דערפאר גיבט נישט די "התאחדות הרבנים" קיין הכשר אויף "סמאוקט סעיבל", נאר אויף "סמאוקט סי-בעס"]), וואס ביי די אלע פיש איז אויך דא א הלכה'דיגע חיוב צו בודק זיין, וויבאלד עס געפינען זיך אסאך ווערים אין זיי.

פאר דריי חדשים צוריק איז געווען הר"ר משה ראטה, משגיח פון עדה החרדית לעניני דגים, אין אנטווערפן, וואו עס איז פאררופן געווארן אן אסיפה אין כולל פשעווארסק ווי דער משגיח האט געוויזן עטליכע אין דרייסיג אניסאקיס ווערים אין א "מיימיידען פיש", וואס איז דארט זייער פאפולער. הרה"ג רבי משה האלבערשטאם שליט"א, אב"ד באבוב אנטווערפן, וואס איז דארט געווען אנוועזנד, איז שאקירט געווארן פון וואס ער האט געזען און באלד האט ער אנגעהויבן שרייבן א תשובה לאיסור.

## קען מען מער נישט עסן קיין "ווילד סעלמאן"?

אבער נישט געזארגט, אפילו אויב איז איינער א "ווילד-סעלמאן פיש" ליבהאבער, דארף ער זיך נאכנישט פון זיי געזעגענען, ווייל עס איז נישט יעצט קיין שאלה פון גענצליך אסר'ן די סארטן פיש, נאר מען דארף פשוט טון צו דער זאך. דער ספעציעלער מומחה בתולעי הדגים הרב שניאור זלמן רווח שליט"א פון ארץ ישראל, בעל מחבר ספר "תולעת שני" אויף הלכות תולעים און גיבט הכשרים און איז א משגיח אויף פארשידענע פיש, האט איינגעפירט א גוטע, ווירקזאמע סיסטעם צו מבטיח זיין די כשרות הדג. מען שטעלט אוועק א באלאכטענעם טיש, וואס מאכט מען זאל קלאר קענען אדורך זען וואס טוט זיך אין די


בס"ד טבת התשס"ח

אל תשקצו את נפשותיכם

הננו בזאת להתריע בשער בת רבים, מפני מכשול חמור ואיסור נורא בו נכשלים רבים וטובים ובהם בני תורה יראים ושלמים המקפידים בביתם על קלה כבחמורה והנה, מחוסר שימת לב הם ובני ביתם

עוברים על 4 לאווין דאורייתא!!!

וידועים דברי רבותינו ז"ל, אל תקרי "ונטמתם בם" אלא ונטמטם... שאכילת מאכלות אסורות מטמטמות לבו של אדם. ח"ו.
המדובר במחקרים שנתפרסמו בשנים האחרונות וחיזקו את המידע שהיה קיים קודם לכן אודות הימצאות תולעים וטפילים בדגים לסוגיהם.
בניגוד לדעה הרווחת, התברר בוודאות גמורה, כי במקרים רבים מדובר בתולעים השורצים במים קודם כניסתם לתוכי הדגים וגם בהיותם בתוכי הדג הם נמצאים במעיו, על דופן המעי ועל האיברים הפנימיים, ורק בשלב האחרון הם חודרים לתוך הבשר.
לדוגמא, אודות תולעי "אניסאקיס" המצויים בתוך בשר הדגים, כפי שמובא ב"תולעת שני" מאת הרה"ג שניאור ז. רווח שליט"א, שהוראה זו לאסור תולעים אלו היא דעתם של גדולי ופוסקי הדור שליט"א מרנן: הגאון הרי"ש אלישיב. הגאון הר"ש וואזנר. הגאון הר"נ געשטעטנער, הראש"ל הגאון הרש"מ עמאר ועוד מפוסקי דורנו שליט"א.

שרצים אלו אסורים מדין תורה כדין שרץ המים.

וכפי שכתבו הרבנים: אסור לאוכלם ואסור לאכול הדגים הללו, עד שינקו אותם בקפידא, דהוי ספק איסור דאורייתא ולחומרא. והמזלזל בזה הוא מכשיל את הרבים רח"ל.

לכן הלכה למעשה, ציבור יראי ה' ידעו כי קודם אכילת דגים יש לבדוק ולברר ברר היטב מה רמת הסבירות לנגיעות טפילים ותולעים באותם דגים ומהם הדרכים בהם ניתן לנקות אותם ולאכול מהם בלא לחשוש לעבור על איסורים דאורייתא.

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר.

ויאכלו ענווים וישבעו

א מודעה אין די ירושלימ'ער גאסן קעגן די אניסאקיס ווארים

פלייש פונעם פיש, און מ'שניידט אויף ("פילעי") די פיש דערויף, און גלייך זעט מען וואו עס געפינען זיך די ווערים און מ'שלעפט זיי ארויס מיט א צוויקער ("טוויזער").

ביי "סעלמאן פיש", וויבאלד זיין קאליר איז רויט, איז שווער צו זען די ווערים מיט א ווייסע לעקטער. דעריבער שטעלט מען אוועק א טיש וואס ווערט באלאכטן פון א ספעציעלע אלטרא-ווייאלעט לייט (זע בילד), וואס מאכט מען זאל קלאר קענען אדורך זען וואס עס טוט זיך אין די פלייש פונעם פיש. דערנאך איז דא א משגיח וואס קוקט אלעס איבער און מאכט זיכער אז יעדע שטיקל פיש איז טאקע גענצליך ריין. בסך הכל דארף יעדע פיש פשוט קאסטן מיט נאך עטליכע צענט, כדי צו קענען צאלן פאר א משגיח צו דורכקוקן, און דאן קען מען דאס רואיג עסן בלי שום פקפוק.

צום ענדע איז כדאי אנצוצייכענען די שארפע און באלערנדע ווערטער פונעם פרי חדש (יורה דעה סימן פ"ד הלכות תולעים), ווי רבינו יחזקאל די סילוא שרייבט אז די סיבה פארוואס די תורה הקדושה איז אזוי מזהיר ביי תולעים מער ווי ביי אנדערע איסורים, עד כדי כך אז ביי שרץ הארץ איז די תורה מזהיר פינף לאווין און ביי שרץ העוף זעקס לאווין, איז ווייל היות מען קען לייכט נכשל ווערן, תולעים זענען איבעראל פארשפרייט, וויל די תורה הקדושה אז דער מענטש זאל נעמען צום הארצן דעם געוואלדיגן חומר הענין, ער זאל מפקח זיין אויף זיך מיט א גרויסן זהירות, דערפאר איז די תורה מצווה אזויפיל מאל מיט אזא חומר כדי דער מענטש זאל מורא האבן און נזהר זיין ווי עס דארף צו זיין.

און דער פרי חדש שרייבט ווייטער א מורא'דיגע זאך "ולפי שבזמנינו אינם נזהרים, רוב הבנים יוצאים לתרבות רעה, ורבים הם עזי פנים שבדור, ואין יראת ה' נוגע ללבבם." די קינדער פארפארן ל"ע פונם דרך הישר אדאנק דעם זלזול אין דעם ענין פון ווערים, ווי מען ווערט נכשל אין אזעלכע הארבע איסורים.

דארף מען טאקע זען צו נזהר זיין מיט א באזונדערע זהירות ביי אן ענין וואו די תורה האט אונז געבעטן צו שטארק אכט געבן און נישט נכשל ווערן, און אין זכות פון זיך צוריקהאלטן פון מפוקפק'דיגע עסן, זאל טאקע השי"ת היטן דעם דור בעקבותא דמשיחא אז מיר זאלן אלע זוכה זיין צו אויפציען ערליכע אידישע דורות, עד ביאת גואל.




Advertisements | Brochures | Signs | Business Cards | Logos | Album Covers | Posters | Full Range of Printing Services

**Dart**Design
Graphics+Printing

48 Bakertown, Suite 506 Monroe NY
t: 845.782.6558 f: 845.782.6554
e: sales@dartdesignprint.com

# א שמועס מיט'ן בעל מכשיר וואס האט אויפגעוועקט דעם אניסאקיס ווארים...

צו הערן די השתלשלות הדברים און וואס עס איז דער פסק פון גדולי ישראל איבער דעם ענין, האבן מיר זיך אויף פארבינדן מיט'ן מרא דהאי שמעתתא, דער גרויסער מומחה אין הלכות תולעים, און בעל מכשיר מפורסם הרב שניאור זלמן רווח שליט"א, וועלכער איז דער מייסד ויושב ראש פון "מכון למצוות התלויות בארץ" אין ארץ ישראל.

הרב רווח ספעציאליזירט זיך אין די מציאות והלכות פון תולעים און האט שוין מחבר געווען עטליכע הערליכע ספרים אין די נושא. הרב רווח איז דער וואס האט היינט אויפגעברענגט די גאנצע פראבלעם. ער איז דאס נאכגעגאנגען און געפארשט, ארומגעגאנגען מציע זיין זיינע שאלות און הכרעות פאר די גדולי הפוסקים, און מרעיש געווען איבער די חשש וואס ער האט זיך איבערצייגט איז גאר אן ערנסטע. האבן מיר געזען פאר פאסיג אים אנצורופן און הערן ערשט-האנטיגע אינפארמאציע.

**■ ווער האט אויפגעברענגט די פראבלעם פון די אניסאקיס ווערים, און וויאזוי זענט איר אנגעקומען דערצו?**

באמת האב איך זיך ביז עטליכע יאר צוריק נישט פארנומען מיט עניני כשרות. אונזער מכון איז בכלל נישט געווען געמאכט צו געבן הכשירים, מיר האבן נאר עוסק געווען אין מצוות התלוית הארץ, ווי שמיטה, אוצר בי"ד, און נאך. מיט עטליכע יאר צוריק, האב איך זיך אבער אויך אנגעהויבן פארנעמען אין די פעלד פון כשרות אין פיש, דאס איז געווען נאכדעם וואס איך האב געזען א קונטרס מיט'ן נאמען "ואנכי תולעת", וואס עס האט ארויסגעגעבן הרב ישראל דוב הלבערשטאם ז"ל פון אנטווערפען אין יאר תשנ"ב, ווען עס האט זיך געטון מיט די "ווייניפעג ווייט פיש", וואו ער האט געבויעט אויף די מיינונג פון די וויסנשאפטלער אז די ווערים וואס מען טרעפט אין די פלייש פון די פיש זענען געבוירן איננדרויסן פונעם פיש. און לויט דעם האט ער געגעבן א שטארקן בירור לאיסור אויף די אניסאקיס ווערים.

למעשה איז דער אויבנדערמאנטער מחבר נפטר געווארן קורץ דערנאך, האט קיינער נישט ווייטער געפארשט און זיך אפגעבן מיט דעם חשש, און די סוגיא איז איינגעשלאפן. אבער ווען איך האב איין מאל דורכגעלערנט דעם קונטרס, האט עס מיך זייער געוואונדערט וויאזוי עס קען זיין אז דער מחבר זאל זאגן מיט אזא קלארקייט אז די ווערים אין די פלייש פון די פיש זענען אסור, בשעת חז"ל האבן קלאר מתיר געווען די תולעים בבשר הדג. האב איך מחליט געווען אז איך מוז נאכגיין און קלאר אויספארשן די זאך, זיך איבערצייגן צי עס איז אסור צי נישט.

איך האב זיך שטארק אריינגעלייגט אין די סוגיא. איך בין געפארן צו אסאך מדינות איבער דער וועלט וואו די פיש געפינען זיך. איך האב זיך גוט נאכגעפרעגט, שטודירט און צוגעקוקט איבער דאס לעבן און שאפן פון די פיש אין גאר אסאך פלעצער, במשך א לאנגע צייט. איך האב איבערגעלאזט בודק געווען די פיש, און איך האב זיך פאקטיש איבערצייגט אז יש דברים בגוי. איך האב געטראפן די אניסאקיס ווערים נישט נאר נאר אין די פלייש, נאר אויך אין די בני מעים, איך האב באמערקט די לעכער וואו זיי קריכן, ביז איך האב קלאר ארויסגעהאט דעם גאנצן ענין.

איך בין ממש געווארן נבהל ונשתומם זיך צו איבערצייגן אין די קלארקייט פון דעם איסור און איך האב בשו"א נישט געוואלט צולאזן אז אידן זאלן נכשל ווערן מיט דעם אסור'דיגן ווערים וואס איך האב זיך איבערציגט געפינען זיך אין די סארט פיש. דאן האבן מיר געמאכט א וועד הכשרות אויף פיש אויף א קליינעם פארנעם, ווי מיר האבן זיך אפגעגעבן מיט פראבלעמען פון ווערים אין פיש.

**■ האט איר איבערגעגעבן אייערע געפינסן פאר די רבנים?**

זיכער. צוויי יאר צוריק פסח צייט בין איך גערופן געווארן פון הגאון רבי חיים גריינמאן שליט"א (א חשוב'ער און באליבטער פלומעניק פון חזון איש), ווי ער האט מיך אויסגעפרעגט אלע דעטאלן איבער די אניסאקיס ווערים וואס איך האב געפונען. ער איז אויפגעציטערט געווארן צו הערן די פאקטן, און האט מיר געזאגט אז דאס קוקט דאך אויס ווי א גאר ערנסטע שאלה דאורייתא. ער האט מיר דאן מחזק געווען און געשטופט אז איך דארף ארויסקומען אין רשות הרבים און מגלה זיין דעם ערנסטן חשש.

דאן זענען מיר געגאנגען צו אנדערע רבנים, וואס אלע האבן ערנסט דן געווען. מען האט געברענגט ראיות און סברות לכאן ולכאן. הגאון הרב אלישיב שליט"א, למשל, האט קודם געהאלטן אז מען דארף חושש זיין, אבער די מתירים האבן גע'טענה'ט פארקערט, און עס איז דערוויל נישט געווען קיין קלארער פסק אין דעם ענין.

איך בין שוין אויך אמאל געווען אין וויליאמסבורג ביי בעלי מכשירים, מיר האבן געעפנט "געקענטע" שאכטלעך מיט גוטע הכשירים, און מען האט געטראפן אין זיי ווערים. אויך אין בארא פארק בין איך געזיצן מיט אסאך רבנים און מיר האבן געעפנט גאנצע סעלמאן פיש און מען האט געפינען זייער אסאך פון די אניסאקיס ווערים. די ווערים קען מען אויך זען אפילו נאכ'ן אפקאכן, וויבאלד מען מאכט פון זיי גרויסע שטיקער פיש און דער ווארם זיצט באהאלטן אינעם פיש, נאר ער ווערט ווייכער צוליב'ן קאכן.

יעצט, ממש פאר פסח, נאכדעם וואס מען איז ווידער אלעס איבערגעגאנגען צוזאמען מיט די רבנים אלע באוויזן און הלכה'דיגע דעטאלן, ווי אויך האט זיך קלאר איבערגעוויזן אז די ווערים קומען פונדרויסן, האבן אלע געגעבן זייערע פסקים לאיסור, און אין די לעצטע וואך האט זיך שוין געדרודערט אין ארץ ישראל איבער די קלארע פסקים און חתימות פון די גרעסטע לייבן אין א"י וואס זענען ארויסגעקומען לאיסור.

הרב אלישיב האט קודם געוואלט זען בכתב די מיינונג פון הרב וואזנער שליט"א, וועלכער האט יענע וואך געהאט מודיע געווען אז די אניסאקיס ווארים, וויבאלד עס איז אויך אין די קושקעס, איז דאס פיל הארבער ווי ער האט געשריבן אין זיין ספר. יענעם טאג האט הרה"ג רבי משה שאול קליין געשריבן א בריוו בשם מרן בעל שבט הלוי אז עס איז אסור. באלד דערנאך האט הרב אלישיב געהייסן מפרסם זיין אין זיין נאמען דורך די חתימות פון הגאון רבי מרדכי גראס שליט"א, רב דקהל חניכי הישיבות, און הגאון רבי משה מרדכי קארפ שליט"א, רב אב"ד קרית ספר, נאמן ביתו פון הרב אלישיב, איבער דעם דעת פון הרב וואזנער און הרב אלישיב אז די סארט ווערים זענען אסור. הרב אלישיב האט אויך קלאר געמאכט אז נישט נאר זאל מען זאגן אז מ'דארף חושש זיין, נאר מ'זאל עס גענצליך אסר'ן. "מ'דארף עס מבער זיין ווי חמץ אין פסח," האט ער געזאגט. און מ'האט אנגעגרייט א ליסטע פון די אלע פיש וואס האבן די פראבלעם.

**הרב רווח דערציילט ווייטער:**

מיר זענען אויך געזיצן, צוזאמען מיט הרב קארפ, אין שטוב פון הרה"ג רבי משה שטערנבוך שליט"א, ראב"ד בי"ד "העדה החרדית", וואו מען האט דורכגעארבעט פארשידענע סארטן פיש, און דער רב האט אויך גענויגט לאיסור. ביי זיין שבת הגדול דרשה האט הרב שטערנבוך שליט"א גערעדט פון דעם ענין און האט מעורר געווען אז מען דארף מחמיר זיין אויף די פיש וואס האבן די אניסאקיס ווערים.

אויך ביי הגאון רבי חיים קניבסקי שליט"א זענען מיר געווען, און ער



״אויך ביי הגאון רבי חיים קנייבסקי שליט״א זענען מיר געווען, און ער איז ממש דערציטערט געווארן פון וואס ער האט געזען. זיין דעת איז אויך קלאר לאיסור״

איז ממש דערציטערט געווארן פון וואס ער האט געזען. זיין דעת איז אויך קלאר לאיסור, און ער האט מיר געבעטן דאס צו מפרסם זיין ברבים.

אויך איז דאס די מיינונג פון אנדערע גדולי הפוסקים ווי אין שו״ת ״להורות נתן״ (ח״ט סימנים כ״ג-כ״ה) פון הגאון רבי נתן געשטעטנער, און אוודאי ווי פריער דערמאנט הגאון בעל שבט הלוי, און אזוי איז אויך אנגענומען לאיסור ביי אנדערע רבנים אין אמעריקע און אנדערע מקומות. (ביי שימלויער רב זצ״ל איז געווען אן ענליכע שאלה, ווי ער שרייבט אין שו״ת לחם שלמה חו״ד סי׳ ע״א, אז אויב עס קען זיין אז די ווערים קומען פון דרויסן, איז עס אסור. די זעלבע איז דא א תשובה פון הגאון רבי ישכר שלמה טייכטל זצ״ל, בעל משנה שכיר). אפילו טייל פון די בעלי מכשירים וואס האבן געהאלטן להיתר, האבן איצט אנגעהויבן נוטה זיין לאיסור.




דאס הייסט אז מיר קענען רואיג זאגן, אז רוב גדולי ישראל זענען ארויסגעקומען לאיסור. און ווי איך האב געהערט, גייען יעצט אויך פארקומען אסיפות הרבנים אין אמעריקע איבער דעם ענין.

**■ די פיש וואס ווערן געהאדעוועט אין די פארמס האבן נישט די אניסאקיס ווערים?**

ניין, און די סיבה דערצו, איז ווייל די אניסאקיס ווערים קומען בעיקר פון די פארשידענע ים-חיות וואס געפינען זיך אין ים. דעריבער ביי די פארמס וואס האדעווען די פיש אין באזונדערע פלעצער, אינגאנצן אפגעטיילט, זענען נישטא דארטן די אניסאקיס ווערים. (אגב, ים-לייז האט אבער נישט צו טון מיט די ים-חיות, דעריבער קען יא זיין די מעגליכקייט פון ״ים-לייז״ אויך ביי די געהאדעוועטע פיש.)

**■ וואס טוט זיך מיט די הערינג, וואס אין זיי טרעפט מען אויך די אניסאקיס?**

אמת, אבער עס איז נאר אין די קושקעס.

**■ נו, קריכן זיי נישט אריין פון די קושקעס צו די פלייש?**

ניין, ווייל דער סיסטעם ארבעט, אז ווען מ׳פאנגט די הערינג פיש וויל מען אז זיי זאלן גלייך שטארבן. דעריבער לייגט מען תיכף אריין די געפאנגענע פיש אין אייז-קאלטע וואסער, וואס איז אונטער זערא די גראד, און מען לייגט אריין א ספעציעלע כעמיקאל וואס לאזט נישט פרירן די וואסער, נאר האלט עס פליסיג. און אין די קאלטע וואסער שטארבן די פיש, און גלייכצייטיג שטארבן אויך גלייך די אניסאקיס, און דעריבער האבן זיי נישט די מעגליכקייט צו אריינקריכן אינעם פיש. (אנדערש איז ביי די ״ווילד סעלמאן״ וואס ווערן נישט געפרוירן באלד נאכ׳ן שטארבן און די ווערים האבן דערווייל גענוג צייט צו אריינגיין אין די פלייש. און אגב, קריכן די ווערים אריין בעיקר אין די ווייכע פלייש וואס איז אונטער׳ן בויך.)

**■ ווי אנדערע כשרות משגיחים זאגן האט מען שוין אויך געטראפן די אניסאקיס ווערים אין די פלייש פון די הערינג, איז דאס נישט א ראי׳ אז עס איז יא געבוירן אינעם פלייש, לויט ווי איר זאגט אז זיי וואלטן נישט געקענט אריינקריכן צו די פלייש בשעת דער פיש לעבט?**

עס זענען דא צוויי סארט פעלער ביים פראצעסירן די הערינג. די הערינג וואס מען פרירט גלייך צוזאמען מיט די קושקעס, ביי זיי איז טאקע נישט מעגליך אז זיי זאלן קריכן פון די קושקעס צו די פלייש, און איך צוזאמען מיט הגר״מ קארפ האבן לאנגע שעה׳ן אליין בודק געווען צענדליגער קילא פון זיי זיך צו איבערצייגן, און מיר האבן נישט געטראפן קיין איינס פון זיי אין די פלייש. ווידער אין די אנדערע סארט פאל, ווען מען נעמט קודם ארויס די קושקעס איידער׳ן פרירן, דעמאלט קען יא זיין אז זיי האבן שוין אינדערצווישן אנגעיאגט צו ארויסקריכן פון די קושקעס אריין אין די פלייש. עכ״פ, זיי האבן געקענט געבוירן ווערן אין די קושקעס פונעם פיש, און אויב טרעפט מען זיי אין די פלייש, איז דאס נאר ווייל זיי זענען ארויסגעקראכן פון די קושקעס. (אגב, קלער איך אז די סיבה פארוואס טייל פרובירן דאס צו זאגן, איז ווייל הערינג וועט דער עולם פשוט נישט לאזן אזוי שנעל אסר׳ן...)